בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פּוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

פארגרעסערטע גליון לכבוד יום טוב פסח

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון נ"ז

חג הפסח תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שְׁנַת תשפ"ג

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.**

### אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ

אִיךְ וִויל בֶּעטְן מֶען זָאל אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר דִי לֶערֶערִינְס, זֵיי זָאלְן אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער.

אַ לֶערֶערִין שְׁרַייבְּט מִיר נֶעכְטְן אַז זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אַ תַּלְמִידָה הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי הֶענְט, אִיךְ פְּרֶעג אִיר: "**וָואס וִוילְסְטוּ זָאגְן?**" זָאגְט זִי מִיר: "**וֶוען דִי מֵיידְל הֵייבְּט אוֹיף אִירֶע הֶענְט צוּ פְּרֶעגְן, מַאכְט זִי מִיךְ נֶערְוֶועז**", דִי לֶערֶערִין פְּרֶעגְט מִיר: "**וָואס טוּט מֶען דָא? אַ מֵיידְל זָאל זִיךְ וַואגְן צוּ פַארְשֶׁעמֶען אַ קִינְד בָּרַבִּים?!**" אִיךְ הָאבּ אִיר צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן: "**וָואס אִיז דִי סִיבָּה אַז יֶענֶע מֵיידְל וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן אִיר?**" שְׁרַייבְּט זִי מִיר: "**וֶוען יֶענֶע מֵיידְל הֵייבְּט אוֹיף דִי הֶענְט צוּ פְּרֶעגְן גֵייט עֶס מִיט קוֹלוֹת וּבְרָקִים**", הָאבּ אִיךְ אִיר צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן: "**דִי לֶערֶערִין דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ וִוי אַזוֹי מֶען הֵייבְּט אוֹיף דִי הֶענְט צוּ פְּרֶעגְן**", אִיךְ וָואלְט אוֹיךְ גֶעוָוארְן נֶערְוֶועז פוּן אַ קִינְד וָואס הֵייבְּט אוֹיף דִי הֶענְט מִיט אַזֶעלְכֶע קוֹלוֹת.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען דִי קִינְד הֵייבְּט אוֹיף דִי הֶענְט אוּן זָאגְט בָּרַבִּים: "**יֶענֶע מֵיידְל מַאכְט מִיר נֶערְוֶועז**", דַארְף מֶען אִיר זָאגְן: "**מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי! לֵייג אַרָאפּ דַיין הַאנְט אוּן פִיר זִיךְ אוֹיף וִוי אַזוֹי עֶס דַארְף צוּ זַיין**", אָבֶּער מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ. וֶוען אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין אַ כִּתָּה אוּן קִינְדֶער הֵייבְּן אוֹיף דִי הֶענְט, זָאג אִיךְ זֵיי: "**עֶנְק וִוילְן אִיךְ זָאל אוֹיסְוֶועלְן אַפָּאר קִינְדֶער וָואס זָאלְן קֶענֶען רֶעדְן, אִיךְ וֶועל נָאר אוֹיס קִינְדֶער וָואס הַאלְטְן דִי הַאנְט וִוי אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ, מַאכְן אַ גְרוּדֶער: "הֶע הֶע הֶע הֶע הֶע..." אִיז זֵייעֶר קִינְדִישׁ, עֶס אִיז נִישְׁט שֵׂכְל'דִיג**".

### וָואס אִיז מַיין דְזְשַׁאבּ?

אַזוֹי אִיז מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אַז מֶען הָאט קִינְדֶער וָואס בְּשַׁעַת זֵיי פַּארְחָלוֹמֶ'עָן זִיךְ הֵייבְּן זֵיי אָן צוּ קְרַאצְן דִי נָאז, אוּן זֵיי זוּכְן גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן: "**וָואס גֵייט מִיר עֶס אָן? מַיין דְזְשַׁאבּ אִיז אוֹיסְצוּלֶערְנֶען נָבִיא, מַיין דְזְשַׁאבּ אִיז אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פִּרְקֵי אָבוֹת**", זָאלְסְט מִיר מוֹחֵל זַיין, אַז דוּ זִיצְט מִיט קִינְדֶער דַארְפְסְטוּ זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וָואס מֶען טוּט נִישְׁט, דֶער קִינְד אִיז נִישְׁט דִי פְּרָאבְּלֶעם, דֶער קִינְד אִיז דָאךְ אַ קִינְד, דֶער קִינְד וֵוייסְט נָאכְנִישְׁט אַז דָאס טוּט מֶען נִישְׁט, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז דֶער מְלַמֵּד אָדֶער לֶערֶערִין וָואס זֶעט עֶס אוּן רֶעדְט נִישְׁט צוּם קִינְד, אַז מֶען זֶעט אַ קִינְד קְרַאצְן זַיין נָאז, דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן אַ טִישׁוּ אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ.

### וֶוער אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם?

וֶוען אִיךְ קוּם אִין חֵדֶר אוּן אִיךְ זֶע וִוי קִינְדֶער פַּארְחָלוֹמֶ'עָן זִיךְ אוּן נֶעמֶען אַרוֹיס פוּן דִי נָאז אוּן זֵיי נֶעמֶען עֶס אִין מוֹיל, קֶען אִיךְ נִישְׁט וַוייטֶער פָארְלֶערְנֶען, אִיךְ זָאג שְׁטִילֶערְהֵייט פַאר דֶעם קִינְד: "**דָאס קֶען מֶען נִישְׁט טוּן, נֶעם אַ טִישׁוּ**". אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין אַ כִּתָּה אוּן אִיךְ זֶע וִוי אַ קִינְד עֶסְט פוּן זַיין נָאז, פְּרֶעג אִיךְ דֶעם מְלַמֵּד: "**וָואס גֵייט פָאר מִיט דֶעם קִינְד?**" זָאגְט עֶר מִיר: "**נֶעבֶּעךְ דֶעם קִינְד**", זָאג אִיךְ אִים: **נִישְׁט דֶער קִינְד אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דֶער קִינְד הָאט נִישְׁט אַ רֶבִּי וָואס זָאל אִים גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען אַז דָאס טוּט מֶען נִישְׁט!** דֶער קִינְד הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין טַאטֶע מַאמֶע, זַיין טַאטֶע אִיז פַארְנוּמֶען מִיט גֶעלְט גֶעלְט גֶעלְט, אוּן זַיין מַאמֶע אִיז פַארְנוּמֶען מִיט שַׁאפִּינְג שַׁאפִּינְג, אָדֶער אוֹיסְהֶערְן הַאטְלֵיינְס פוּן פְרוֹיעֶן וָואס זָאגְן "**אוֹיבּ מֶען עֶסְט וַוייסֶע רַייז גֵייט דִי וֶועלְט אַרָאפְּפַאלְן**", אוּן "**אוֹיבּ מֶען עֶסְט וַוייסֶע בְּרוֹיט קוּמֶען אַלֶע מַחֲלוֹת**", אוּן

מערכת 'שיעורי חינוך'

וואונטשט פאר אלע ליינערס און פאר גאנץ כלל ישראל

א כשר'ן פרייליכן פסח

## דרך ארץ

"עסן מילכיגס איז די ערגסטע זאך", און "אויב מען עסט מייערן קען מען גוט זען", און ביז דערווייל עסן די קינדער פון די נאז... קומט אויס אז דער אינגל איז א רחמנות אז ער האט א מלמד וואס זאגט אים נישט: "דאס טוט מען נישט".

### שטרענג איז רחמנות

מען דארף זאגן פאר א קינד וואס איז ריכטיג צו טון און וואס איז נישט ריכטיג צו טון.

איך האב נעכטן גערעדט מיט א מלמד פון שטעטל, זאגט מיר דער מלמד: **"איך ווייס נישט וואס צו טון, איך קען נישט זיין שטרענג, איך האב אזוי רחמנות אויף די קינדער"**, זאג איך אים: **"דו האסטו רחמנות? שטרענג איז רחמנות!"**

טשעפען טאר מען נישט, מען קען נישט זאגן פאר א קינד: **"דו ביסט אן עקלדיגער"**, **"ביסט אן עכי"**, דאס טאר מען נישט זאגן, אבער אז מען זאגט פאר א קינד וואס איז ריכטיג צו טון, איז דאס רחמנות.

### אויסלערנען די קינדער יעדע זאך

מען דארף זאגן פאר א קינד וואס צו טון, מען דארף אויסלערנען קינדער ווי אזוי זיך צו פירן, אבער מען טאר נישט טשעפען. ווען א קינד פארשמירט זיך און מען דארף אים טוישן, און די מאמע הייבט אן זאגן פארן קינד: **"דו ביסט עקלדיג"**, הרג'עט די מאמע דעם קינד שטילערהייט, קיינער זעט עס נישט, קיינער ווייסט עס נישט, אבער שפעטער וועט מען דארפן טראגן דעם קינד צו דאקטוירים, דער קינד וועט דארפן האבן אין לעבן אסאך טערעפי, מען זאל אים פארשטיין, מען זאל אים אויסהערן און געבן ליבשאפט, ווען די מאמע וואלט ווען געזיגענט צום קינד: **"מען דארף שוין גיין אין בית הכסא, דו ביסט שוין א גרויסער קינד, און דו גייסט שוין זיין גרויס, אמת דו ביסט שוין גרויס?"** - וואלט זי אויפגעטון.

אזוי איז מיט יעדע זאך, אז א לערערין זעט א קינד וואס ווייסט נישט ווי אזוי זיך צאמנעמען די האר, קען זי נישט זאגן: **"דאס איז נישט מיין דזשאב, מיין דזשאב איז פארצולערנען נביא, מיין דזשאב איז פארצולערנען פרקי אבות"**, פרקי אבות? זי דארף נעמען די קינד אין א זייט און זאגן: **"קום איך וועל דיר אויסלערנען ווי אזוי מען מאכט די האר, עס איז זייער גרינג, מען נעמט א ראבער, עפן אויף דיין האר און נעם עס שיין צוזאם, אהה, קוק דו האסט עס אזוי שיין צאמגענומען!"**

### שטרענג און פרייליך

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט נישט מיד ווערן פון ארבעטן מיט קינדער, איר זאלט אריינלייגן אין די קינדער אסאך אמונה און אסאך שמחה, עס זאל זיין שטרענג און פרייליך; מען דארף בעטן דעם אייבערשטן מען זאל דאס קענען באווייזן, די קינדער זאלן וויסן מען מוז פאלגן די תקנות און עס זאל זיין זייער פרייליך.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן אסאך הצלחה, אמן.


## חינוך אפטיילונג
אויף קול ברסלב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
**דרוקט: 1-2-4-2**
שמעו ותחי נפשכם


# שאלות ותשובות בעניני חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

**מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ברענגען מיר איך גאר א שיינע שמועס מיט שאלות ותשובות, וואס תלמידים האבן געשמועסט און געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א בענייני חינוך, נאכ'ן שיעור ליל שישי פרשת אחרי קדושים, שנת תשפ"ג לפרט קטן, אין ווילי'אמסבורג יע"א.**

### קינדער זאלן גיין עסן שבת ביי א זיידע?

**שואל:** א אינגערמאן האט געפרעגט, איז א גוטע זאך אז מיינע קינדער זאלן גיין עסן די שבת'דיגע סעודות ביי א זיידע?

**האט אים דער ראש ישיבה שליט"א געפרעגט:** לאמיר הערן פארוואס דו טראכסט 'יא' אדער 'ניין'.

**שואל:** איך טראכט, אפשר איז נישט א גוטע זאך אז קינדער זאלן נישט עסן די סעודה ביי א טאטע.

**האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט:** איך האב נישט געגעסן שבת ביי מיין טאטע פון די צען יאר ביז נאך די חתונה; איך האב אלץ געגעסן ביי מיין זיידע.

אין אנהייב האב איך נישט געוואלט גיין עסן ביי מיין זיידע, איך האב ענדערש געוואלט עסן ביי מיין טאטע, אבער מיין טאטע האט מיר געזאגט **"גיי צו זיידי"**, שפעטער האב איך שוין הנאה געהאט צו משמש זיין מיין זיידע.

גיין צו א זיידע עסן די סעודה צו קענען העלפן, איז זיכער א גוטע זאך.

**שואל:** וואס קען איך טון אז מיינע קינדער קריגן זיך ווער עס זאל גיין צו דער זיידע, יעדער וויל גיין?

**האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט:** דעמאלט דארף מען עס איינטיילן, יעדע וואך זאל אן אנדערער גיין, און מען קען איך זאגן: 'ווער עס וועט העלפן', און 'ווער עס איז וואויל' וועט קענען גיין עסן שבת ביי זיידי'.

### מען טאר נישט שלאגן די קינדער!

א אינגערמאן האט דערציילט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אז ער האט געשלאגן זיין זון, איז דער ראש ישיבה שליט"א

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּעִנְיָנֵי חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

גֶעוָואָרְן זַייעֶר צוּפְּלאַמְט, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אִים זַייעֶר פָּארְגֶעהַאלְטְן: **"וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִיר?! ווִי מֶעג מֶען שְׁלָאגְן אַ קִינְד, צִיפְּן אַ קִינְד, אָדֶער אוֹיסְדְרֵייעֶן דִי הֶענְט פוּן אַ קִינְד?! שׁוֹמּוּ שָׁמַיִם!"**

## מֶען מֶעג זַיין שְׁטְרֶענְג צוּ קִינְדֶער?

**שׁוֹאֵל:** אַ מְלַמֵד הָאט גֶעפְרֶעגְט: דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן; אָבֶער אִיךְ לֶערְן מִיט דִי קִינְדֶער עִבְרִי אוּן אִיךְ הֵייס אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן טַייטְלֶען, מֶעג אִיךְ יָא זַיין שְׁטְרֶענְג?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט:** מֶען דַארְף זַיין שְׁטְרֶענְג! אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין שְׁטְרֶענְג! אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט פוּן 'שְׁלָאגְן', שְׁלָאגְן אִיז נִישְׁט שְׁטְרֶענְג, שְׁלָאגְן אִיז פַּארְלוֹירְנְקֵייט, אַוַודַאי דַארְף מֶען זַיין שְׁטְרֶענְג, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אַ לִיבֶּעַרַאלֶע מוֹסָד, חַס וְשָׁלוֹם.

דִי וָואךְ אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ טַאטֶע, עֶר זָאגְט מִיר אַז זֵיי ווִילְן זִיךְ אַרוֹיס צִיעֶן אִין שְׁטֶעטְל, פְרֶעג אִיךְ זֵיי **"פַּארְוָואס?"** זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶס אִיז אִים פָּשׁוּט שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן, דִי מוֹסָד וואוּ זַיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען הָאט אִים גֶעהֵייסְן נֶעמֶען זַיינֶע קִינְדֶער צוּ טֶערֶעפִּי, אוּן דֶער טֶערֶעפִּיסְט הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי מַאמֶע **"פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער פַאר דוּ גֵייסְט אַרַיין צוּ דִי שְׁטוּבּ פוּן דַיין זֶעקְס יֶערִיג מֵיידֶעלֶע, דַארְפְסְטוּ קְלַאפְּן אוֹיפְן טִיר, אוּן פְרֶעגְן: "אִיךְ מֶעג אַרַיין קוּמֶען?" אוֹיךְ, פַאר דוּ עֶפְנְסְט אוֹיף אִיר לֶעדְל דַארְפְסְטוּ אִיר פְרֶעגְן רְשׁוּת אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אָנְכַאפְּן אִירֶע זַאכְן!"**

דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען אַז דִי דְרָשׁוֹת וָואס זֵיי הֶערְן אִיז נִישְׁט סְתַּם גֶערֶעדְט, נָאר זֵיי הַאלְטְן דָארְט, זֵיי מוּזְן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן זִיךְ אַוֶועק צִיעֶן פוּן דֶעם פְּלַאץ אוּן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין אַן עֶרְלִיכֶע מוֹסָד.

דוּ הֶערְסְט אַ מַעֲשֶׂה?! דָאס אִיז נִישְׁט אַן אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע מַעֲשֶׂה, דָאס אִיז וָואס אִיךְ הֶער יֶעדְן טָאג פוּן אַ צְוֵוייטְן, קוּק וואוּ עֶס הַאלְט! דִי מַאמֶע דַארְף פְרֶעגְן פוּן אִיר זֶעקְס יֶערִיג מֵיידְל צִי זִי קֶען אַרַיינְגֵיין אִין אִיר שְׁטוּבּ.

אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעהֵייסְן מַאכְן אַזַא חִינוּךְ, דָא זֶענֶען דִי מְלַמְדִים זַייעֶר שְׁטְרֶענְג, אוּן מֶען מוּז זַיין שְׁטְרֶענְג, אָבֶער פֶּעטְשׁ - נִישְׁט, פֶּעטְשׁ הֶעלְפְּט נִישְׁט.

## אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ

אַ טַאטֶע הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה מִיט מַיין קְלֵיין קִינְד, בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס מַאכְט זִיךְ זֵייעֶר זֶעלְטְן, אָבֶער הַיינְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ אִים גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ.

**הָאט רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִים גֶעזָאגְט:** אִיךְ גֶעבּ אוֹיךְ אַמָאל אַ פַּאטְשׁ, אָבֶער נִישְׁט וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן...

יֶעצְט זָאלְסְטוּ טוּן דָאס וָואס דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד הָאט גֶעטוּן נָאכְן שְׁרַייעֶן אוֹיף דִי בָּחוּרִים, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"וָואס גִיפְט אִיךְ זִיךְ אוֹיף דִי בָּחוּרִים?!"**

[דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶעם סִיפּוּר פוּנֶעם בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד אִין אַ בְּרִיוו, מִיר בְּרֶענְגֶען עֶס אַרָאפּ:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ. יוֹם ד' פ' יִתְרוֹ, י"ז שְׁבַט, יוֹמָא דְהִילוּלָא שֶׁל מוֹהֲרָא"שׁ זצוק"ל שְׁנַת תשע"ט לפ"ק.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

נֶעמְט דִי עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' שְׁמוּאֵל אַיְיזִיק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; אַמָאל הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמא): "וֶועגְן אַבִּיסְל בְּלוּט זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט? קְרֶעכְץ עֶס אוֹיס!"

ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט מִידוֹת וָואס מֶען דַארְף אוֹיסְאַרְבֶּעטְן. דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט שְׁטֶענְדִיג אַז אַלֶעס קוּמְט זִיךְ אִים, אוּן אַז עֶר אִיז אֵייבִּיג גֶערֶעכְט דָאס קוּמְט פוּן דִי בְּלוּט וָואס מֶען הָאט נָאךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט. אוֹיף דֶעם הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת"; דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי שְׁטַארְק עֶס בַּאדֶערְט אִים אַז עֶר הָאט דִי נִישְׁט גוּטֶע מִדָּה וְכוּ' וְכוּ', נָאר דָאס אִיז דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אַ מִדָּה. לְמָשָׁל אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעשְׁלָאגְן מִיט דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, מַמָּשׁ גֶעפֶערְלִיךְ, עֶר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף אוּן עֶר פַארְלִירְט זִיךְ וְכוּ' אִיז נָאכְדֶעם וֶוען עֶר קוּמְט צוּ זִיךְ, עֶר כַאפְּט זִיךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן דַארְף עֶר דָאס אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז פַארְ'ן קְרִיג זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען בָּחוּרִים פוּן פּוֹילְן קַיין אוּמַאן אוּן וֶוען דִי קְרִיג הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן זֶענֶען זֵיי שְׁטֶעקְן גֶעבְּלִיבְּן אִין אוּמַאן, ווִיבַּאלְד זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וואוּ צוּ וואוֹינֶען הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען אִינֶעם קְלוֹיז. דֶער שַׁמָּשׁ הָאט דָאס נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט אוּן עֶר פְלֶעגְט זֵיי אַרוֹיסְטְרַייבְּן אוּן שְׁרַייעֶן אוֹיף זֵיי: "גֵייט אֵייךְ פוּן דַאנֶעט!" שְׁפֶּעטֶער פְלֶעגְט מֶען הֶערְן ווִי עֶר וֵויינְט בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס ווִיל אִיךְ פוּן דִי בָּחוּרִים? וָואס שְׁרֵיי אִיךְ אוֹיף דִי בָּחוּרִים? זֵיי הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ, זֵיי זֶענֶען דָא פַארְוָוארְפְן", נָאכְדֶעם הָאט מֶען גֶעמֵיינְט אוּן מֶען אִיז גֶעוֶוען זִיכֶער אַז דֶער שַׁמָּשׁ וֶועט מֶער נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵיי, אָבֶער אַבִּיסְל שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ דָאס אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, עֶר הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט אוֹיף זֵיי אוּן נָאכְדֶעם גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת פַארְוָואס עֶר רֶעגְט זִיךְ, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אֲפִילוּ עֶר פַארְלִירְט זִיךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל גֵייט עֶר אַלְץ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן 'הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן'".

דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, דָאס צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין אָנְהֵייבּ אִיז דָאס זַייעֶר שְׁוֶוער וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל זִיךְ נִישְׁט זֶען אִין שְׁפִּיגְל ווִי אַזוֹי עֶר אִיז נַאקֶעט וְכוּ', עֶס אִיז גְרִינְגֶער אַוֶועק צוּ דְרֵייעֶן דֶעם שְׁמוּעֶס אוֹיף סְתַּם תְּפִלּוֹת וּבַקָשׁוֹת, דֶערִיבֶּער וֶועט דָאס זַיין שְׁוֶוער אוֹיס צוּ דֶערְצֵיילְן. אָבֶער אַז מֶען בְּרֶעכְט דָאס דוּרְךְ, מֶען טוּט זִיךְ אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן, יֶעדְן טָאג נֶעמְט מֶען אַפָּאר מִינוּט אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? אִיךְ הָאבּ דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה אוּן דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן צוּלִיבּ דָאס", וֶוערְט דָאס בֶּעסֶער, אוּן מִיט דִי צַייט אַרְבֶּעט מֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיס דִי מִידוֹת.

דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר ר' שְׁמוּאֵל אַיְיזִיק: "שְׁמוּאֵל אַיְיזִיק, וֶועגְן אַבִּיסְל בְּלוּט זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט? קְרֶעכְץ עֶס אוֹיס!"

אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה יֶעדֶעס מָאל אִיר שְׁרַייבְּט מִיר.]

## אַ קְלֵיין קִינְד וָואס ווִיל נִישְׁט עֶסְן

**שׁוֹאֵל:** אַ טַאטֶע הָאט גֶעפְרֶעגְט: וָואס זָאל מֶען טוּן מִיט אַ קְלֵיין קִינְד וָואס ווִיל נִישְׁט עֶסְן פְלֵייש, מֶען קֶען אִיר צְווִינְגֶען אוּן מִיט גֶעוַואלְד אַרַיין לֵייגְן דָאס עֶסְן אִין מוֹיל?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט:** מֶען קֶען נִישְׁט

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּעִנְיָנֵי חִינּוּךְ



אַרײַנְשְׁטִיפְּן עֶסְן אִין אַ קִינְדְ'ס מױל גֶעצְװוּנְגֶענֶערְהֵייט, מֶען דַארְף מַאכְן טְרִיקְס אַז דָאס קִינְד זָאל אַלֵיינְס װעלְן עֶסְן, מֶען גְרֵייט אָן נַאשׁ אִין דִי זַײט, און מֶען זָאגְט פַאר'ן קִינְד: **"כַאפּ אַרַיין אַ פְלֵיישֶׁעלֶע און בַאלְד װעסְטוּ דָאס בַאקוּמֶען".**

**שׁוֹאֵל:** אִין דֶעם פַאל גֶעבְּט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט קַיין פֶּעטְשׁ אַז דָאס קִינְד זָאל פָאלְגְן און עֶסְן?

**דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט:** פֶּעטְשׁ הֶעלְפְט נִישְׁט!

דָאס אִיז אַ זַאךְ װאס מֶען דַארְף דוּרְךְ בְּרֶעכְן בַּיי קִינְדֶער, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ װִיכְטִיגֶע זַאךְ; מֶען מוּז אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער צוּ עֶסְן גֶעזוּנְטֶע עֶסְן.

דָאס אִיז דָאךְ אַן עֲבוֹדָה װאס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט עֶס, דוּ בִּיסְט נִישְׁט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער װאס הָאט דִי זַאךְ, בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ נִישְׁט לִיבּ אַלֶעס װאס מֶען גֶעבְּט, דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער פַארְפִירְן אַז דִי פְלֵיישׁ הָאט שְׁװַארְצֶע שְׁטִיקְלֶעךְ און דִי זוּפּ הָאט שְׁמוּץ... מַאכְט מֶען טְרִיקְס אַז זֵיי זָאלְן װעלְן עֶסְן.

בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי קִינְדֶער צוּ טְרִינְקֶען װַאסֶער, אִיךְ גֶעבּ זֵיי נִישְׁט קַיין גֶעצוּקֶערְטֶע גֶעטְרַאנְקֶען, מִיר קוֹיפְן אַ בָּאטְל אָרֶענְדְזְשׁ דְזְשׁוּס, און יֶעדֶע נַאכְט פִילְט מֶען אָן בְּרוֹינְפְּן קָאפְּס מִיט אָרֶענְדְזְשׁ דְזְשׁוּס, מֶען לֵייגְט עֶס אַרַיין אִין פְרִיזֶער מִיט אַ בֶּעקֶעלֶע, און דָאס אַרְבֶּעט אַ מְחַיֶה, קוֹדֶם װען דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים גֶעבְּט מֶען זֵיי אֵיין אָרֶענְדְזְשׁ דְזְשׁוּס אֵייסֶעס, דִי מַאמֶע װערְט שׁוֹין אַ גוּטֶע מַאמֶע... נָאכְדֶעם אוֹיבּ מֶען עֶסְט שֵׁיין אוֹיף דִי נַאכְטְמָאל בַּאקוּמְט מֶען נָאךְ צְװֵיי אֵייסֶעס, װען מֶען טוּט זִיךְ אָן נַאכְט קְלֵיידֶער בַּאקוּמְט מֶען נָאךְ אַן אֵייסֶעס, װען מֶען פַּאקְט צוּזַאם דִי שְׁפִּילְצֵייג בַּאקוּמְט מֶען נָאךְ אַן אֵייסֶעס, װען מֶען גֵייט אַרַיין אִין בֶּעט בַּאקוּמְט מֶען נָאךְ אַן אֵייסֶעס... דִי קִינְדֶער זֶענֶען מָלֵא שִׂמְחָה, אַזַא גוּטֶע מַאמֶע זִי הָאט שׁוֹין גֶעגֶעבְּן זִיבְּן אֵייסֶעס אִין אֵיין טָאג...

אֲפִילוּ דֶער קִינְד זָאל בַּאקוּמֶען זִיבְּן אֵייסֶעס אַ טָאג הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט גֶעטְרִינְקֶען אֵיין קָאפּ אָרֶענְדְזְשׁ דְזְשׁוּס װאס הָאט אִין זִיךְ אַ יָם מִיט צוּקֶער, דִי קִינְדֶער הָאבְּן עֶס לִיבּ און עֶס אַרְבֶּעט אַ מְחַיֶה.

מַיין װַייבּ זָאגְט מִיר אַז אַפָּאר שְׁכֵנִים הָאבְּן עֶס שׁוֹין נָאכְגֶעטוּן. עֶס אִיז אַזַא פָּשׁוּטְ'ע זַאךְ, און דִי גֶעבְּסְט גָארְנִישְׁט פַאר'ן קִינְד, דוּ גֶעבְּסְט אִים װאס דוּ װָאלְסְט אִים סַיי װִי גֶעגֶעבְּן און עֶר עֶסְט אוֹיף דִי נַאכְטְמָאל גְרִינְגֶער.

## מֶען דַארְף הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ

דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה **שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ אִינְגֶערְמַאן:** דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט אַיינְשְׁפַּארְן אִין אַ שְׁטוּבּ װען דִי װַייבּ דַארְף הִילְף מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען קֶען נִישְׁט דֶעמָאלְט נֶעלָם װערְן, דוּ דַארְפְסְט אַבִּיסְל אַרוֹיס הֶעלְפְן דַיין װַייבּ; דָאס אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

פַאר מִיר אִיז דָאס גֶעװען גְרִינְגֶער צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, װִיל אִיךְ בִּין אַזוֹי אוֹיפְגֶעװַאקְסְן, מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג און אוֹיךְ בַּיינַאכְט, און עֶר אִיז אַ דַיָין, װען עֶר הָאט גֶעהַאט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים הָאט עֶר יֶעדֶע נַאכְט גֶעבָּאדְן דִי קִינְדֶער, און גֶעװַאשְׁן דִי גֶעשִׁיר.

## װָאס קֶען אַ מְלַמֵּד טוּן אַז עֶר װערְט זֵייעֶר אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט פוּן חֵדֶר?

שׁוֹאֵל: אַ מְלַמֵּד הָאט גֶעפְרֶעגְט, װָאס קֶען מֶען טוּן אַז דִי מֹחַ װערְט אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פוּן זַיין אַ גַאנְצְן טָאג אִין חֵדֶר?

**דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט:** דֶער מֹחַ טָאר נִישְׁט זַיין אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פוּן זַיין אַ גַאנְצְן טָאג אִין חֵדֶר.

פַארְװָאס בִּיסְטוּ אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פוּן זַיין אַ גַאנְצְן טָאג אִין חֵדֶר?! - מְלוּמְדוּת דַארְף דִיר גֶעבְּן כֹּחַ!

דָאס אַז דַיין גוּף װערְן אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ, װַייל אַזוֹי אִיז עֶס, דִי גוּף װערְט אָפְּגֶעמַאטֶערְט, אָבֶּער דִי מֹחַ?! - פוּן זַיין מְלַמֵּד בַּאקוּמְט מֶען כֹּחַ!

## סְטְרַאשֶׁען אַ קִינְד אִים אַרָאפְּצוּשְׁטֶעלְן אַ כִּתָּה

**שׁוֹאֵל:** אַ מְלַמֵּד הָאט גֶעפְרֶעגְט, מֶען מֶעג סְטְרַאשֶׁענֶען אַ קִינְד װָאס אִיז נִישְׁט װאוֹיל אַז מֶען גֵייט אִים אַרָאפְּשְׁטֶעלְן אַ כִּתָּה?

**דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט:** אִיךְ װֵייס נִישְׁט; בְּאוֹפֶן כְּלָלִי אִיז דֶער עֶנְטְפֶער **"נֵיין"**.

עֶס אִיז דָא אַמָאל װָאס מֶען קֶען אִים זָאגְן: **"אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ אוֹיף אִין יוּנְגֶערֶע כִּיתּוֹת, אָבֶּער אִין דִי כִּתָּה פִירְט מֶען זִיךְ שׁוֹין אוֹיף שֵׁיין".**

אַלֶעס װענְדְט זִיךְ 'װִי אַזוֹי מֶען מֶען זָאגְט עֶס', און אוֹיךְ 'צִי דוּ הָאסְט אִים לִיבּ', אוֹיבּ דוּ הָאסְט אִים נִישְׁט לִיבּ, קֶענְסְטוּ אִים נִישְׁט זָאגְן, װַייל עֶס װעט נִישְׁט הֶעלְפְן.

## װִי אַזוֹי קֶען מֶען לִיבּ הָאבְּן אַ קִינְד

**שׁוֹאֵל:** אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעפְרֶעגְט: װִי אַזוֹי קֶען מַאכְן אַז מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן אַ קִינְד?

**דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט:** אַז מֶען גֵייט װֵיינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ דֶעם אִינְגְל, און אִיךְ בִּין אַ רוֹצֵחַ, אִיךְ טָאר נִישְׁט זַיין מְלַמֵּד"**, אַזוֹי דַארְף מֶען װֵיינֶען פָּשׁוּט כְּמַשְׁמָעוֹ; אַזוֹי בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִיךְ קוּם אַרַיין צוּ דִי בָּחוּרִים.

אִיךְ זָאג נִישְׁט אַז אִיךְ מַאךְ יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף 'אַלֶע' בָּחוּרִים, אָבֶּער אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת.

פַאר אִיךְ קוּם אִין יְשִׁיבָה, נָאךְ פַאר אִיךְ זֶע דִי בָּחוּרִים, טְרַאכְט אִיךְ װִי אַזוֹי אִיךְ זָאל זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט יֶעדְן בָּחוּר, צוּ װעמֶען אִיךְ מוּז הַיינְט שְׁמֵייכְלֶען אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר גֵייט אָנְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה פִינְף אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג, און װעמֶען אִיךְ דַארְף אַהֵיים שִׁיקְן אוֹיבּ עֶר קוּמְט שְׁפֶּעט. אִיךְ קֶען נִישְׁט סְתַּם קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אָן זִיךְ

אָנְגְרֵייטְן פַארְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל טוּן מִיט דִי תַּלְמִידִים, אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער.

## וָואס קֶען מֶען טוּן מִיט אַ קִינְד וָואס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער?

**שׁוֹאֵל:** אַ טַאטֶע הָאט גֶעפְרֶעגְט: וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ אֵיין קִינְד וָואס אִיךְ קֶען זִיךְ מִיט אִים נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט:** עֶס אִיז דָא קִינְדֶער וָואס עֶס אִיז גְרִינְג צוּ מְחַנֵךְ זַיין אוּן עֶס אִיז דָא קִינְדֶער וָואס עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ מְחַנֵךְ זַיין, אַזוֹי אִיז עֶס. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן אַסַאךְ מָאל אִיז דָא אֵיין קִינְד וָואס נֶעמְט אַוֶועק דִי גַאנְצֶע מֹחַ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

## אַ מְלַמֵד דַארְף אוֹיךְ לֶערְנֶען 'שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן'?

שׁוֹאֵל: אַ מְלַמֵד הָאט גֶעפְרֶעגְט: אַ מְלַמֵד דַארְף אוֹיךְ לֶערְנֶען 'שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן'?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט:** לֶערְן וִויפִיל דוּ קֶענְסְט. לֵייג אַרַיין אַ סְטִיקֶער אִין אַלֶע סְפָרִים, אוּן אַמָאל לֶערְן דָאס אוּן אַמָאל דָאס.

אַ מְלַמֵד אַרְבֶּעט נִישְׁט מֶער שָׁעוֹת פוּן אַ בַּעַל הַבַּיִת. וִויפִיל שָׁעָה לֶערְנְט אַ מֶענְטְשׁ אַ טָאג? אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל קֶען מֶען עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, מֶען דַארְף עֶס נָאר מְסַדֵר זַיין מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן.

וִויפִיל שָׁעָה דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַ טָאג צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס אִין אֵיין יָאר? בְּעֶרֶךְ אֵיין שָׁעָה [בַּיים שִׁיעוּר אִינֶעם דַף גְמָרָא (בָּבָא קַמָא דַף מח; ט' שְׁבַט שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן) הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים פוּן דֶעם עִנְיָן וִויפִיל צַייט מֶען דַארְף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס אִין אֵיין יָאר, מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ דֶעם שְׁטִיקְל:

אֵיינֶער פוּן דִי מַגִידֵי שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל וָואס לֶערְנְט פַאר דֶעם דַף אִין אֵיינֶע פוּן דִי שׁוּלְן, הָאט אַ גוּטֶע קָאפּ, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן וִוי לַאנְג עֶס נֶעמְט צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס אִין אֵיין יָאר, עֶר הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט וִויפִיל וֶוערְטֶער עֶס אִיז דָא אִין שַׁ"ס, (אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ וִויפִיל וֶוערְטֶער עֶס אִיז דָא), אוּן וִויפִיל וֶוערְטֶער זָאגְט אַ מֶענְטְשׁ אַרוֹיס פוּן מוֹיל אִין אֵיין מִינוּט, עֶס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג "צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג מִינוּט" גְמָרָא, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִויפִיל דַפִּים מֶען לֶערְנְט אַ טָאג, עֶנְדִיגְט מֶען גַאנְץ שַׁ"ס אִין אַ יָאר!

עֶס אִיז דָא אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט צוּ דֶעם עֶנְדֶערְשׁ וִוי זָאגְן זִיבְּן בְּלַאט אַ טָאג, וַוייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט פוּן לֶערְנֶען זִיבְּן דַפִּים אַ טָאג, וָואס קוּקְט אוֹיס צוּ שְׁוֶוער, אָבֶּער צוּ לֶערְנֶען בְּלוֹיז צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג מִינוּט אִיז גְרִינְגֶער.

עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ מַהְפֵּכָה דָארְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, דֶער עוֹלָם הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען לֶערְנֶען שַׁ"ס! אוּן דָאס שְׁטִימְט שׁוֹין זֵייעֶר גוּט מִיט דֶעם מַאֲמָר: "אֵין הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹנֶה דַפִּים אֶלָּא שָׁעוֹת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט נִישְׁט דִי בְּלֶעטֶער וִויפִיל מֶען לֶערְנְט נָאר דִי שָׁעוֹת. אַלֶע הָאבְּן דָאךְ טַעֲנוֹת אַז דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר זֶענֶען נָאר פַארְנוּמֶען צוּ צֵיילְן, מֶען לֶערְנְט אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן זִיבְּן בְּלַאט גְמָרָא, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ: "אֵין הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹנֶה דַפִּים אֶלָּא שָׁעוֹת"?! אָבֶּער יֶעצְט קֶענְסְטוּ שׁוֹין מִיט קוּמֶען, זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען "צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג מִינוּט" גְמָרָא, אוּן עֶנְדִיג אוֹיךְ שַׁ"ס יֶעדֶעס יָאר].

**שׁוֹאֵל:** יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען עֶנְדִיגְט אַ מַסֶכְתָּא גְמָרָא דַארְף מֶען מַאכְן אַ סִיוּם?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט:** מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט. אָבֶּער וָואס מֵיינְט אַ סִיוּם? מֶען זָאגְט מַזָל טוֹב אוּן מֶען זִינְגְט, נוּ, דָאס קָאסְט גָארְנִישְׁט, מֶען עֶסְט דָאךְ סַיי וִוי נַאכְטְמָאל קֶען מֶען זִינְגֶען אוּן זָאגְן מַזָל טוֹב.

## אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוֹיסְצוּהֶערְן מַיין וַוייבּ

שׁוֹאֵל: אַ מְלַמֵד פְרֶעגְט: אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד, וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים פוּן חֵדֶר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוֹיסְצוּהֶערְן מַיין וַוייבּ, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט:** אוֹיבּ דוּ וָואלְסְט מִיךְ גֶעטְרָאפְן נָאךְ אַ טָאג אַרְבֶּעט, וָואלְסְטוּ גֶעהַאט כֹּחַ מִיךְ אוֹיסְהֶערְן פַאר אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה? אוֹיבּ יָא, דַארְף דִי וַוייבּ זַיין חָשׁוּב אִין דֶעם מַאנְ'ס אוֹיגְן מֶען זָאל הָאבְּן כֹּחַ אִיר אוֹיסְצוּהֶערְן, מֶען דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ.

עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ פַאר מַיין וַוייבּ, אוֹיבּ דוּ וָואלְסְט יָא גֶעקֶענְט טוּן אִין דִי צַייט אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ. וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים פוּן חֵדֶר וָואלְסְטוּ גֶעטְרָאפְן דַיין בֶּעסְטֶער חָבֵר? דוּ וָואלְסְט זִיךְ אָנְגֶעלֵיינְט אוֹיף אַ פָּאסְט קֶעסְטְל אִין גַאס אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה... אוֹיבּ אַזוֹי וָואס הֵייסְט אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיסְצוּהֶערְן דַיין וַוייבּ? דָאס מֵיינְט אַז דָאס אִיז דִיךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

אִיךְ קֶען נִישְׁט דַיין מַצָב אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט דַיין מֹחַ, אוֹיבּ אִיז עֶס טַאקֶע מַמָשׁ אַזוֹי, אַז דוּ בִּיסְט מַמָשׁ אַזוֹי וִוי אַ חוֹלֶה, קֶענְסְטוּ עֶס שֵׁיין מַסְבִּיר זַיין פַאר דַיין וַוייבּ, קֶענְסְט אִיר זָאגְן **"דִי גַאנְצֶע טָאג אַרְבֶּעט אִיךְ נָאר פַאר דִיר, אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעלְט, אִיךְ דַארְף יֶעצְט הָאבְּן פוּפְצְן מִינוּט זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּצוּרוּעֶן"**.

**שׁוֹאֵל:** אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעפְרֶעגְט: וִוי אַזוֹי לֶעבְּן אַנְדֶערֶע אִידְן וָואס הֶערְן נִישְׁט קַיין חִיזוּק אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת?

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעעֶנְטְפֶערְט:** מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת!

חִיזוּק דַארְף מֶען נָאר הָאבְּן אוֹיבּ מֶען וִויל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיבּ מֶען וִויל נִישְׁט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען הָאט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, דֶעמָאלְט אִינְטֶרֶעסִירְט גָארְנִישְׁט, מֶען טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'זָאל זִי שְׁרֵייעֶן', אַזוֹי וִוי מֶען הֶערְט דִי בַּאבֶּע אָדֶער דִי מַאמֶע שְׁרֵייעֶן, עֶס גֵייט אִים אָן זַיין וַוייבּ אַזוֹי וִוי זַיין בַּאבֶּע'ס לֶעבְּן, דֶערְפַאר דַארְף עֶר נִישְׁט קַיין חִיזוּק. דָאס אִיז אַזוֹי וִוי חִיזוּק אוֹיף אַלֶעס, וֶוער דַארְף חִיזוּק אוֹיף זָאגְן מִשְׁנַיוֹת? אֵיינֶער וָואס זָאגְט מִשְׁנַיוֹת! אֵיינֶער וָואס זָאגְט נִישְׁט מִשְׁנַיוֹת דַארְף נִישְׁט קַיין חִיזוּק אוֹיף זָאגְן מִשְׁנַיוֹת.

## וָואס טוּט מֶען וֶוען עֶס אִיז שווער פַאר דִי קִינְדֶער זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן?

שׁוֹאֵל: אַ מְלַמֵּד פְרֶעגְט: וָואס טוּט מֶען דִי צַייט אִין יָאר וָואס אִיז שְׁוֶוערֶער פַאר דִי קִינְדֶער זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן צוּם לֶערְנֶען?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט:** יֶעצְט דַארְפְן דִי קִינְדֶער וֶוינִיגֶער זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן.

## וָואס טוּ אִיךְ מִיט דִי שְׁוֶוערֶע לַאנְגֶע גְמָרוֹת וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט דֶערְבֵּיי?

**שׁוֹאֵל:** אַ מְלַמֵּד הָאט גֶעפְרֶעגְט: אִיךְ לֶערְן פָאר פַאר דִי קִינְדֶער מַסֶכֶת מַכּוֹת, מִיר הַאלְטְן יֶעצְט בַּיי דִי דְרִיטֶע פֶּרֶק, עֶס אִיז שְׁוֶוערֶע לַאנְגֶע גְמָרוֹת, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ פַארְלִיר מַיינֶע תַּלְמִידִים, זֵיי הֶערְן מִיךְ נִישְׁט אוֹיס, וַוייל יֶעצְט זוּמֶער זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר פַארְשְׁפִּילְט, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט:** אוֹיבּ דִי הַנְהָלָה פָאדֶערְט עֶס - דַארְף מֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן, אָבֶּער אוֹיבּ נִישְׁט - זָאלְסְטוּ מַאכְן אַנְדֶערְשׁ, אָנְהֵייבּ יָאר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דִי שְׁוֶוערֶע גְמָרוֹת אוּן זוּמֶער זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען פֶּרֶק אֵלּוּ הֵן הַגּוֹלִים, וָואס הָאט גְרִינְגֶע גְמָרוֹת. אַזוֹי הָאט מֶען גֶעטוּן אִין דִי חֵדֶר וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַלְס קִינְד, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין כִּתָּה ז' מַסֶכֶת מַכּוֹת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְהֶערְט דִי גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא אוֹיף אוֹיסְנְוֶוייניג, אוּן זוּמֶער הָאט מֶען גֶעלֶערְנְט פֶּרֶק אֵלּוּ הֵן הַגּוֹלִים.

אוֹיךְ דַארְף מֶען אָנְרֵייצְן דִי קִינְדֶער אַז אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן יֶעצְט לֶערְנֶען קְנַאקֶעדִיג אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, וֶועסְטוּ זֵיי אַרוֹיסְנֶעמֶען, אִיךְ וֵייס נִישְׁט אוֹיבּ דַיין מְנַהֵל לָאזְט אַרוֹיס גֵיין אִין פַּארְק, אוֹיבּ נִישְׁט, קֶענְסְטוּ זֵיי זָאגְן אַז מֶען וֶועט מַאכְן אַ לֶענְגֶערֶע רִיסֶעס אָדֶער אַ לֶענְגֶערֶע לָאנְטְשׁ.

## וָואס טוּט מֶען מִיט קִינְדֶער וָואס הַאלְטְן נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען?

שׁוֹאֵל: אַ מְלַמֵּד הָאט גֶעפְרֶעגְט: וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן לֶערְנֶען אַ אִינְגְל וָואס עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ לֶערְנֶען?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט:** עֶס אִיז דָא צְוֵויי סָארְט קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט, אֵיינֶער שְׁטֶערְט אַנְדֶערֶע, נָאכְדֶעם אִיז דָא אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט נִישְׁט אוּן מֶען דַארְף אִים מַאכְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוֹיף אִים שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמה, סְעִיף ט) אַז אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען, זָאל עֶר זִיצְן צְוִוישְׁן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט עֶפֶּעס אַרַיינְגֵיין אִין אִים.

אַז עֶר שְׁטֶערְט נִישְׁט אַנְדֶערֶע אִיז דָאךְ שׁוֹין גוּט, זָאל עֶר זִיצְן אוּן עֶר וֶועט אַבִּיסְל אוֹיפְכַאפְּן, עֶר וֶועט הֶערְן דִי וֶוערְטֶער 'תְּנוּ רַבָּנָן', עֶר וֶועט הֶערְן דִי וֶוערְטֶער 'אָמַר רֶבִּי יְהוּדָה', אִינְמִיטְן וֶועט עֶר הֶערְן אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ אַז **"שִׁי"ן מֶ"ם"** אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן **"שְׁמַע מִינָהּ"**; אִין צֶען יָאר אַרוּם וֶועט עֶר לֶערְנֶען. אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גָארְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט אַלְס קִינְד! אַלְס קִינְד אִיז מַיין קָאפּ גֶעלֶיגְן אִין בּוֹיעֶן בִּנְיָנִים אוּן שְׁפִּילְן מִיט מִילְךְ קֶעסְטְלֶעךְ אוּן מַאכְן הַפְּגָנוֹת.

**שׁוֹאֵל:** וָואס דֶען זָאל אִיךְ טוּן מִיט דֶעם שְׁוַואכְן קִינְד וָואס לֶערְנְט נִישְׁט, אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט פָאדֶערְן פוּן אִים? דָאס אַלֵיינְס אַז עֶר זִיצְט אִין כִּתָּה אִיז שׁוֹין גֶענוּג?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט:** וָואס הֵייסְט 'בְּלוֹיז זִיצְן אִין קְלַאס'?! - חַס וְשָׁלוֹם! מַאךְ אַן עֵסֶק פוּן אִים.

דַיין גַאנְצֶע כִּתָּה בַּאשְׁטֵייט נָאר פוּן לֶערְנֶען?! - שׁוֹמוּ שָׁמַיִם! עֶס אִיז דָאךְ דָא נָאךְ אַזוֹיפִיל זַאכְן, עֶס אִיז דָא דַאוֶוענֶען, מַאכְן בְּרָכוֹת פַארְ'ן עֶסְן, צִיצִית, קוּשְׁן דִי מְזוּזָה, עֶס אִיז דָא דִי עֶצֶם זַאךְ אַז עֶר אִיז אַ אִיד.

אִיךְ מַאךְ אַ גַאנְצֶע עֵסֶק פוּן יֶעדֶער בָּחוּר, אִיךְ זָאג פַאר אַ בָּחוּר: **"אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזֶען קוּשְׁן דִי מְזוּזָה!"** נִישְׁט אִיךְ מַאךְ זִיךְ, אִיךְ הַאלְט טַאקֶע בַּיי דֶעם, אוּן אֲפִילוּ דֶער גוּטֶער אִינְגְל וָואס לֶערְנְט יָא פְלַייסִיג דַארְף אוֹיךְ מֶען זָאל אִים אוֹיסְרִימֶען מִיט זַיינֶע שֵׁיינֶע זַאכְן, עֶס שְׁטֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט אִים קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיבֶּער זַיינֶע פֶּערְזֶענְלִיכֶע מַעֲלוֹת, אוּן מֶען רֶעדְט נָאר פוּן זַיין לַמְדָנוּת!

בּוֹי אוֹיף יֶעדְן קִינְד; דִי שְׁוַואכֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ מַאכְן פַאר גַבָּאִים, שְׁטֶעל אִים עֶר זָאל מְסַדֵּר זַיין דִי טִישְׁן פַאר דֶער רֶבִּי קוּמְט אַרַיין אִין חֵדֶר; נֶעם אִים פַאר דַיין מְמוּנֶּה.

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מְנַהֵל מִישְׁט זִיךְ אַרַיין וָואס אִיךְ רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער?

שׁוֹאֵל: אַ מְלַמֵּד הָאט גֶעפְרֶעגְט: וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז מַיין מְנַהֵל הַאלְט מִיךְ פָאר אַז אִיךְ רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער פוּן 'קְדוּשָּׁה'?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט:** לָאז אָפּ דֶער מְנַהֵל, דוּ אַרְבֶּעטְסְט פַאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נוּץ דֶער מְנַהֵל בְּלוֹיז וֶוען דוּ דַארְפְסְט הִילְף, נִישְׁט אוֹיף צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּן אִים!

דוּ וֵוייסְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר פוּן מַיין מְלוּמְדוּת? - אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן מַיין חַיּוּת צוּ זָאגְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס מֵיינְט אַ מִיאוּסְ'עֶ וָוארְט, אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט: **"דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז פָּשׁוּט גֶעוֶוען אַ בַּטְלָן..."** אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: **"אֵין הָכִי נַמֵי, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַן עֶכְטֶער בַּטְלָן, אִיךְ הָאבּ פוּן גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט"**, אִיךְ בִּין אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן אַ אִינְגְל זָאגְט מִיר אַז עֶר וִויל עֶפֶּעס רֶעדְן צוּ מִיר, עֶר רוּפְט מִיךְ אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן אוּן עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶס אִיז דָא אַ אִינְגְל אִין כִּתָּה וָואס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דִי בָּאוֹרְד אַן עֶנְגְלִישֶׁע מִיאוּסְ'עֶ וָוארְט, אִיךְ הָאבּ אַרוֹיס גֶערוּפְן דֶעם קִינְד אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט: **"דוּ הָאסְט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְ'ן בָּאוֹרְד נִיבּוּל פֶּה?!"** זָאגְט עֶר מִיר: **"יָא"**, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ! - דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ, פִינְף יָאר בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מְלַמֵּד אִין כִּתָּה ט' אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פַּאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן.

נָאכְדֶעם זָאגְט מִיר אַ צְוֵוייטֶער אִינְגְל אוֹיף אַן אַנְדֶערֶער אִינְגְל אַז עֶר הָאט בַּיי זִיךְ אִין טַאשׁ אוּמְאֵיידֶעלֶע בִּילְדֶער רַחֲמָנָא לִצְּלָן,

אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר, 'וָואס גֵייט דָא פָאר?! זֵיי זֶענֶען דְרַייצְן פֶערְצְן יֶערִיגֶע בָּחוּרִים, אִיךְ לֶערְן מִיט זֵיי אַזוֹי פְלַייסִיג מַסֶכֶת פְּסָחִים, פֶּרֶק כָּל שָׁעָה, דִי סֻגְיָה פוּן "**חִזְקִיָה אוּן רֶבִּי אַבְהוּ**", אוּן אִיךְ וֵוייס גָארְנִישְׁט וָואס זֵיי טוּעֶן צְוִוישְׁן זִיךְ?'

בִּין אִיךְ אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען צוּם מְנַהֵל אִין אָפִיס, אִיךְ דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס אוּן אִיךְ פְרֶעג אִים: "וָואס טוּ אִיךְ?"

זָאגְט עֶר מִיר: "**מַיין שִׁיטָה אִיז אַז מֶען רֶעדְט גָארְנִישְׁט צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה**", פְרֶעג אִיךְ אִים: "**פַארְוָואס? וִוי אַזוֹי זָאלְן עֶס דִי קִינְדֶער וִויסְן?!**" זָאגְט עֶר מִיר: "**מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן דֶעם!**" אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: "**פֵיין**", אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט כְּאִילוּ אִיךְ פָאלְג, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶר זָאל מִיר גֵיין נָאכְטְרֶעטְן אוּן נָאכְקוּקְן וָואס אִיךְ רֶעד, עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זַיין אָפִיס אַן אִינְטֶערְקָאם פוּן וואוּ עֶר הָאט גֶעקֶענְט הֶערְן וָואס יֶעדֶער מְלַמֵד רֶעדְט.

אִיךְ בִּין אַרוֹיף אִין כִּתָּה אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: "**אַלֶע זָאלְן צוּמַאכְן דִי גְמָרוֹת, מֶען גֵייט לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּ זַיין אַ אִיד**", אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפַאנְגֶען רֶעדְן צוּ זֵיי אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ וִוי 'קְדוּשַׁת הַבְּרִית', דְרַיי פֶערְטְל כִּתָּה הָאבְּן גֶעוֵויינְט, דְרַיי פֶערְטְל כִּתָּה זֶענֶען גֶעקוּמֶען זָאגְן אַז זֵיי הָאבְּן דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוואוּסְט, זֵיי הָאבְּן דָאס נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט, אֵיין אִינְגְל אִיז גֶעקוּמֶען זָאגְן אַז עֶר גֵייט צוּ זַיין פֶעטֶערְס הוֹיז אוּן זַיין פֶעטֶער קִיצְלְט אִים נִישְׁט אֵיידְל רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַ צְוֵוייטֶער אִינְגְל הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר גֵייט צוּ זַיין מוּמֶע'ס הוֹיז אוּן זִי שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, שׁוֹמוּ שָׁמַיִם! אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אִיךְ גֵיי אַרָאפּ פוּן זִינֶען.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אוּן גֶערֶעדְט, קְדוּשָׁה! קְדוּשָׁה! קְדוּשָׁה! בִּיז אַלֶע הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אַלֶע זֶענֶען גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן זֵיי, עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט פוּן דִי קְהִלָּה קוּמֶען פוּן יֶענֶע כִּתָּה, דִי גַאנְצֶע כִּתָּה זֶענֶען אוֹיסְגֶעוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אַ מְלַמֵד אִין בְּרֶסְלֶב הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט אִין כִּתָּה פוּן קְדוּשָׁה, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַז "**מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן דִי אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ**", אוּן "**חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט אַ צְוֵוייטֶער אִינְגְל אוּנְטֶער יֶענֶעמְ'ס קְלֵיידֶער**", אוּן אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעקוּקְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן מִיט וואוּנְדֶער, וִוי צוּ פְרֶעגְן 'וֶוער טוּט דָאס אֲפִילוּ?'

**אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן:** אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט מַיין חַבֶר אַ אִינְגֶערְמַאן, זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר אִיז אַ מְלַמֵד אוּן עֶר וִויל זִיךְ טוֹישְׁן צוּ אַן אַנְדֶערֶע מוֹסָד, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס? זָאגְט עֶר מִיר אַז זַיין מְנַהֵל מִישְׁט זִיךְ צוּפִיל אַרַיין וָואס עֶר רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: מֶען דַארְף נִישְׁט טַעְנָה'ן מִיט אַ מְנַהֵל, אוֹיבּ מֶען טַעְנָה'ט וֶועט מֶען דִיךְ אַרוֹיס וַוארְפְן, דֶער מְנַהֵל אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן דִיר, דוּ וֶועסְט אַרוֹיס גֵיין פוּן דָארְט, דִי עֵצָה אִיז אַז מֶען וַוייזְט פַאר'ן מְנַהֵל כְּאִילוּ מֶען אִיז מִיט אִים, מֶען שָׁאקְלְט מִיטְ'ן קָאפּ: "**יָא, יָא, יָא**", אוּן מֶען פְרֶעגְט אִים עֵצוֹת. אָבֶּער דוּ לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, סַם הַחַיִּים!

...

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס אִיבֶּער זַיינֶע יָארְן וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען מְלַמֵד, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט:** אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ נֵס אַז אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרַ"אשׁ יֶענֶע יָאר וָואס אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן מְלַמֵד, וַוייל וֶוען אִיךְ וָואלְט נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן וָואלְט אִיךְ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער שְׁטוּתִים, אִיךְ וָואלְט יֶעדְן אִיבֶּערְגֶעצֵייגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין בֵּייק, מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן קַיין פִּיצַא, אוּן אִיךְ וָואלְט עֶס גֶעקֶענְט מַאכְן מִיט זֵיי, אוּן דָאס וָואלְט גֶעוֶוען אַ נִישְׁט רִיכְטִיגֶע זַאךְ, וַוייל אַלֶע טַאטֶעס פְלֶעגְן גֵיין מִיט דִי קִינְדֶער אִין פִּיצַא גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן אִיךְ רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער קֶעגְן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן... דֶערְפַאר אִיז אַ נֵס אַז אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט מְקוּרָב גֶעוֶוען אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאקוּמֶען דִי טְרָאפֶּעלֶעךְ שֵׂכֶל.

**אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן:** דִי וָואךְ בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִין אוּנְזֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִין ... אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען מְנַהֵל.

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:** אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דְרֵיי יָאר אַ מְלַמֵד, נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעוֶוען צְוֵויי יָאר אַ מְלַמֵד אוּן מְנַהֵל צוּזַאמֶען. דִי חֵדֶר אוּן דִי יְשִׁיבָה זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיף צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע גַאסְן אֵיינְס נֶעבְּן דִי אַנְדֶערֶע, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אֵיין בִּנְיָן אַ כִּתָּה ט' מְלַמֵד אוּן אַן אַנְדֶערֶע בִּנְיָן אַ מְנַהֵל פוּן הוּנְדֶערְט בָּחוּרִים.

זֶעקְס דְרַייסִיג פַארְטָאגְס הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מִיט דִי בָּחוּרִים בִּיז זִיבְּן דְרַייסִיג, נָאכְדֶעם אִיז דֶער רָב אַרַיין גֶעקוּמֶען דַאוֶוענֶען מִיט דִי בָּחוּרִים, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר דַאוֶוענֶען מִיט דִי קִינְדֶער, בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעהַאט אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה פְרִישְׁטָאג בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי בָּחוּרִים, וֶוען דִי בָּחוּרִים זֶענֶען אַרַיין אִין כִּתָּה לֶערְנֶען שִׁיעוּר עִיּוּן בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ כִּתָּה ט', אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעלֶערְנְט פוּן נַיין אַזֵייגֶער בִּיז אֵיינְס אַזֵייגֶער, נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי בָּחוּרִים בִּיז אַכְטֶע נַיינֶע בַּיינַאכְט.

מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל אַרַיין נֶעמֶען אִין יֶענֶע יְשִׁיבָה וִוי מֶער בָּחוּרִים, אוּן אַרַיין לֵייגְן אִין זֵיי מִשְׁנַיוֹת אוּן אֱמוּנָה, אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעכַאפְּט פַארְוָואס, אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶס גֵייט זִיךְ פוּן דֶעם צוּנוֹיף נֶעמֶען אַ יְשִׁיבָה.

**שׁוֹאֵל:** אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעפְרֶעגְט: דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶערֶעדְט אִין יֶענֶע יְשִׁיבָה פוּן 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד'?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט:** אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּצְט דִי וֶוערְטֶער 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד', אִיךְ הָאבּ צַאמְגֶענוּמֶען אַ לִקּוּט פוּן צַדִיקִים וָואס זָאגְן אַז מִשְׁנַיוֹת אִיז מְקַדֵשׁ וּמְטַהֵר דֶעם מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט.

דֶער 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד' אִיז אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט; אִיךְ גֶעדֶענְק אִין מַיין עֶרְשְׁטֶע יָאר פוּן מְלוּמְדוּת הָאט מִיר אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעזָאגְט: "**וִוי לַאנְג דוּ רֶעדְסְט פוּן 'אֱמוּנָה', 'הַשְׁגָחָה פְּרָטִית' אוּן 'קְדוּשָׁה' קֶען עֶס נָאךְ דוּרְכְגֵיין, אָבֶּער אַז דוּ הֵייבְּסְט אָן רֶעדְן פוּן 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד' גֵייט מֶען גְלַייךְ גֶעוואוֹיר וֶוערְן אַז דוּ בִּיסְט בְּרֶסְלֶב**", אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן, דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן:

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּעִנְיָנֵי חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אֱמוּנָה, קְדוּשָׁה, כִּיבּוּד אָב וָאֵם, תְּפִלָּה, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט פוּן הִתְבּוֹדְדוּת הָאבּ אִיךְ נָאר גֶעזָאגְט: **"רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענִיצְט דֶעם וָוארְט **"הִתְבּוֹדְדוּת"**, עֶרְשְׁט דִי צְוֵוייטֶע יָאר הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן פוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְזֶען אִין אַ כִּתָּה וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן... הָאבּ אִיךְ שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין זֵיי מִשְׁנַיוֹת.

אִיךְ הָאבּ אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אַ בּוּךְ אִינְדֶערְהֵיים וָואס דִי מוֹסָד וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט הָאט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן בַּיי זֵייעֶר דִינֶער שְׁנַת תשס"ח, זֵיי הָאבְּן דָארְט בַּאשְׁרִיבְּן דֶעם מְלַמֵּד פוּן יֶעדֶע כִּתָּה, פוּן כִּתָּה א' אוּן אַרוֹיף, עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין בַּאשְׁרִיבְּן יֶעדֶע כִּתָּה, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ כִּתָּה ט' אוּן יְשִׁיבָה קְטַנָּה שְׁטֶעלְן זֵיי זִיךְ אָפּ אוּן שְׁרַייבְּן מִיט אַזַא הִתְפַּעֲלוּת אַז **"אוּנְזֶערֶע בָּחוּרִים'לֶעךְ דְרֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט מִיט קַיין פַּאלְם פֵּיילֶעט, אוּנְזֶערֶע בָּחוּרִים דְרֵייעֶן זִיךְ מִיט מִשְׁנַיוֹת'לֶעךְ אוּן מִיט מְחַבֵּר רְמָ"א'ס"**; דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי צְוֵויי זַאכְן פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן לֶערְנֶען 'כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ', אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט נָאר פוּן מִשְׁנַיוֹת אוּן מְחַבֵּר רְמָ"א, דִי שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַקְּטַנִּים.

...

נָאכְ'ן שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט פַאר עֶטְלִיכֶע בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן צוּרִיק מַאכְן דִי טִישְׁן מְסוּדָּר, אוּן אַ בָּחוּר אִיז צוּגֶעקוּמֶען זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן שִׁיעוּר, עֶר הָאט גֶעזָאגְט **"שְׁכֹּחַ"** אוּן **"אַ גוּט שַׁבָּת"**, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִים גֶעזָאגְט: וָואס הֵייסְט גוּט שַׁבָּת? מַאךְ צוּרִיק דִי טִישְׁן! עֶס אִיז דַיין הוֹיז, וָואס טוּסְטוּ אִינְדֶערְהֵיים נָאךְ דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן? - עֶס אִיז דָא שְׁטִיבֶּער וָואס אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים אֵיינְס אַזֵייגֶער פוּן שׁוּל הֵייבְּט מֶען אָן צוּ טְרַאכְטְן וֶוער עֶס זָאל אַרָאפְּפַּאקְן דִי טִישׁ פוּן דִי נֶעכְטִיגֶע סְעוּדָה... אִיךְ הָאף אַז בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ וֶועט נִישְׁט זַיין אַזוֹי.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט:** בִּיסְט אַמָאל גֶעוֶוען שַׁבָּת בַּיי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִינְדֶערְהֵיים? נָאכְ'ן בֶּענְטְשְׁן גֵייט קֵיינֶער נִישְׁט אַרוֹיס, עֶס וֶוערְט אוֹיפְגֶערוֹימְט אוּן עֶס וֶוערְט גֶעדֶעקְט אַ נֵייעֶ טִישְׁטוּךְ פַאר מָארְגְן.

אַז דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר, זָאלְסְטוּ יֶעצְט צַאמְפַּאקְן דִי טִישְׁן.

אִיךְ וִויל אַזוֹי זָאל זַיין אִין יֶעדֶע שׁוּל אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, עֶס זָאל זַיין אַ וַוארֶעמֶע פְּלַאץ, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל צוּלֵייגְן אַ הַאנְט וָואס מֶען דַארְף הֶעלְפְן.

גוּט שַׁבָּת.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## עֶס אִיז זֵייעֶר וויכְטִיגֶע מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט נַאכְט אִיז לֵיל בְּדִיקַת חָמֵץ; וֶוען עֶס וֶוערְט דֶער זְמַן טָאר מֶען גָארְנִישְׁט טוּן, מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן אוּן נִישְׁט לֶערְנֶען - נָאר גְלַייךְ בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין.

מַאךְ בְּדִיקַת חָמֵץ מִיט דִי קִינְדֶער; נֶעם יֶעדְן קִינְד מִיט, גֶעבּ יֶעדְן עֶפֶּעס; אֵיינֶער זָאל הַאלְטְן דִי לֶעפְל, אַ צְוֵוייטֶער דִי פֶּעדֶער, דֶער דְרִיטֶער זָאל הַאלְטְן דֶעם זֶעקְל אוּן צֵיילְן וִויפִיל בְּרֶעקְלֶעךְ מֶען הָאט שׁוֹין גֶעטְרָאפְן, דֶעם פֶערְטֶער זָאל שְׁלֶעפְּן דֶעם לֵייטֶער אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אַלֶע זָאלְן מְחוּנָּךְ וֶוערְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

עֶס אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת, זֵיי זָאלְן זַיין אַ חֵלֶק בַּיים מַאכְן דִי מַצּוֹת; אַזוֹי גֵייט אַרַיין דִי מִצְוֹת אִין זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער, עֶס בְּלַייבְּט אִין זֵיי אַיינְגֶעקְרִיצְט.

מֶען פִירְט זִיךְ אַוֶועקְצוּלֵייגְן צֶען בְּרֶעקְלֶעךְ חָמֵץ אוּן דָאס צַאמְנֶעמֶען בַּיים בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין, דָאס לֵייגְט מֶען אַוֶועק צוּ פַארְבְּרֶענֶען; אַנְדֶערֶע חָמֵץ - וַוארְף אַלֶעס אַוֶועק אִין דִי מִיסְט; בַּיים פַארְבְּרֶענֶען דִי חָמֵץ דַארְף מֶען נִישְׁט מֶער וִוי דִי צֶען בְּרֶעקְלֶעךְ.

נָאכְן בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶעם עֶרְשְׁטְן "כָּל חֲמִירָא", אוֹיךְ דִי יְהִי רָצוֹן וואוּ מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּרוֹימֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ, אַ רֵיינֶע הַארְץ, אַ רֵיינֶע לֶעבְּן, אָן קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קַיין שׁוּם עֲבֵירוֹת.

מָארְגְן עֶרֶב פֶּסַח דַארְפְן דִי בְּכוֹרִים מַאכְן אַ סִיוּם מַסֶּכְתָּא, אָדֶער הֶערְן אַ סִיוּם; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען עֶסְן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ גֵיי שׁוֹין בַּאלְד שֶׁעפְּן מַיִם שֶׁלָּנוּ פַאר דִי עֶרֶב פֶּסַח מַצּוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין נָאךְ דִי יָאר לֶאֱכֹל מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים.

אַ כָּשֵׁרְ'ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת אַחֲרֵי תשפ"ב)

## גֵיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף פֶּסַח צוּ דִי סְדָרִים, אִיז גוּט פַאר דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

יֶעצְט וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין - אִיז רִיכְטִיג צוּ גֵיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן פַאר פֶּסַח, צוּ דִי סְדָרִים. אִיר וֶועט נָאךְ מַאכְן שֵׁיינֶע סְדָרִים בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועט אִיר מַאכְן דִי סְדָרִים אִין שְׁטוּבּ, יֶעצְט אִיז כְּדַאי צוּ גֵיין זֶען סְדָרִים - אֵיין יָאר בַּיי אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן אֵיין יָאר בַּיי אַייעֶר מַאן'ס עֶלְטֶערְן, זִיךְ גוּט צוּקוּקְן וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן מַאכְן סְדָרִים אוּן וִוי זֵיי גֶעבְּן אִיבֶּער דִי אֱמוּנָה פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

בְּנוֹגֵעַ חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען פֶּסַח אַלֶעס וָואס הָאט אַ הֶכְשֵׁר. עֶס אִיז וִויכְטִיג פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ עֶסְן אַלֶע נַאשֶׁערַייעֶן אוּן אַלֶע קֶעיקְס, סִירִיעֶל וְכַדּוֹמֶה.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי יָמִים טוֹבִים מִיט שִׂמְחָה אוּן מְקַבֵּל זַיין דִי קְדוּשָׁה פוּן פֶּסַח.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא תשפ"ג)

## ווִי אַזוֹי פִירְט מֶען אַ סֵדֶר נַאכְט?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת צַו, ח' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

בְּנוֹגֵעַ דֶעם סֵדֶר נַאכְט וְכוּ'; זָאג דִי הַגָּדָה אָן קַיין תּוֹרוֹת אוּן אָן קַיין מַעֲשִׂיּוֹת מִיט מְשָׁלִים, זָאג דִי הַגָּדָה הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל בִּזְרִיזוּת, אוּן בַּיי שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ וֶוען דִי קִינְדֶער עֶסְן – דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ רֶעדְן צוּ זֵיי, אוֹיךְ נִישְׁט קַיין פְּשֶׁעטְלֶעךְ, מְשָׁלִים מִיט לַאנְגֶע מַעֲשִׂיּוֹת; רֶעד צוּ זֵיי פָּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה. אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס.

דִי בֶּעסְטֶע הַגָּדָה פַארְן סֵדֶר נַאכְט אִיז דִי הַגָּדָה מִיט גְרוֹיסֶע אוֹתִיּוֹת, אָן קַיין תּוֹרוֹת, סְגֻלּוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

אַ סֵדֶר נַאכְט דַארְף נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג, דִי אַלֶע וָואס פְּרַאוֶוען לַאנְגֶע סְדָרִים בִּיז אִינְדֶערְפְרִי – דִי מַאכְן נִישְׁט שֶׁענֶערֶע סְדָרִים, דִי זֶענֶען בְּדֶרֶךְ כְּלַל פַארְשְׁלֶעפְּט, דִי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען, דִי קוּמֶען אַהֵיים פֶּסַח בַּיינַאכְט אוּן אַנְשְׁטָאט זָאגְן קַדֵּשׁ אוּן גְלַייךְ מַאכְן קִידּוּשׁ, הוֹיבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן ווָאוּ לִיגְט דָאס אוּן ווָאוּ לִיגְט יֶענְץ, אוּן מֶען גֵייט רַייבְּן דִי מָרוֹר וְכוּ' וְכוּ', בִּיז מֶען קְרַאצְט זִיךְ אוֹיס וֶוערְט שׁוֹין פַארְטָאגְס.

זִיץ בַּיים סֵדֶר אוּן טְרַאכְט: 'אִיךְ בִּין דֶער עַם הָאָרֶץ פוּן דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ וָואס צַדִּיקִים שְׁטוּפְּן זִיךְ אַרַיינְצוּקוּקְן בַּיי מִיר אִין פֶענְסְטֶער אוּן זֶענֶען אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע סֵדֶר אִיךְ פְּרַאוֶוע יֶעצְט'.

דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי ווִי פֶּסַח, הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן פֶערְצִיג; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז דִי מַתָּנָה פוּן פֶּה – סָח, דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְחַזֵּק מִיר זָאלְן רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַג הַפֶּסַח תשפ"ג)

## אַז מֶען פָאלְגְט אַן עֶרְלִיכְן אִיד, הָאט מֶען גוּטֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

דַיין זוּן, הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר מֶעג גֵיין חוֹל הַמּוֹעֵד צוּ דִי פְלֶעי, הָאט אִיךְ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער פַאר אִים עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין. עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען דָארְט; דִי יוּנְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס שְׁפִּילְן דֶעם שְׁפִּיל פַארְקוֹיפְן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ', עֶס אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער דוּ זָאלְסְט אִים הַאלְטְן מִיט דִיר חוֹל הַמּוֹעֵד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סו): "מִי שֶׁהוּא מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ בִּפְנֵי רַבּוֹ וְשׁוֹאֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַסְּפֵקוֹת", וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ קְלֶענֶער פוּן זַיין רֶבִּי, עֶר פְרֶעגְט זַיין רֶבִּי אַלֶע זַיינֶע סְפֵיקוֹת, "אַף עַל פִּי שֶׁרַבּוֹ מְבַיֵּשׁ אוֹתוֹ", אֲפִילוּ זַיין רֶבִּי פַארְשֶׁעמְט אִים, דָאךְ פְרֶעגְט עֶר אִים נָאךְ אַלְץ זַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן זַיינֶע סְפֵיקוֹת, "עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה שֶׁיּוֹצֵא מִמֶּנּוּ בֵּן שֶׁהוּא גָּדוֹל בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵרַבּוֹ", דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין גְרֶעסֶער פוּן זַיין רֶבִּי; אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.) אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ פְלֶעגְט פְרֶעגְן זַיין רֶבִּי 'מְפִיבֹשֶׁת' אַלֶע זַיינֶע שְׁאֵלוֹת, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ קִינְד וָואס אִיז גֶעוֶוען גְרֶעסֶער פוּן זַיין רֶבִּי מְפִיבֹשֶׁת. דֶעם זוּן הָאט מֶען גֶערוּפְן 'כִּלְאָב' וָואס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן פַארְשֶׁעמֶען; עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס רֶבִּי מְפִיבֹשֶׁת אִיז פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט.

וָואס הָאט דָאס פְרֶעגְן אַ רֶבִּי אוּן זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן צוּ גוּטֶע קִינְדֶער? וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרֶעפְט אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט מִיט אִים עֵצוֹת ווִי צוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן, עֵצוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אִים נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט יֶעדֶע זַאךְ אוּן עֶר בַּאלֵיידִיגְט זִיךְ נִישְׁט וֶוען דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וֶועט סֵיי עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אוֹיךְ וֶועט עֶר הָאבְּן קִינְדֶער צַדִּיקִים. וַוייל דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיךְ טוּן אַזוֹי ווִי דֶער טַאטֶע, זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ פְרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ אוּן פָאלְגְן; אָבֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַלֵיינְס מִיט זַיין אֵייגֶענֶעם קָאפּ, אָדֶער עֶר בַּאלֵיידִיגְט זִיךְ וֶוען דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים וָואס צוּ טוּן, וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער אוֹיךְ גֵיין מִיט זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְּן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַג הַפֶּסַח תשע"ט)

## פַארְוָואס צִיט מִיר מֶער צוּ לֵיינֶען צַייטוּנְגֶען אִין מַיין אִיבְּרִיג צַייט, ווִי צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה?

שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ אַרְבֶּעט אַלְס מְלַמֵּד אַ גַאנְץ יָאר, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט חוֹל הַמּוֹעֵד הָאבּ אִיךְ אַבִּיסְל וַואקַאצְיֶע, עֶס צִיט מִיר זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְצוּרוּעֶן אוּן לֵיינֶען צַייטוּנְגֶען אוּן מַאגַעזִינֶען, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר כָּשֵׁרְ'עֶ, אָבֶער עֶס צִיט מִיר נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען, מַיין וַוייבּ מוּטְשֶׁעט מִיר אִיךְ זָאל גֵיין לֶערְנֶען כָאטְשׁ פַאר צְוֵויי שָׁעָה אַ טָאג, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז עֶס זָאל מִיר צִיעֶן צוּ לֶערְנֶען?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז מֶען גֶעוואוּנְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד" פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) – דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט קַיין עֵצוֹת פוּן קֵיינֶעם צוּ בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען וַוייל עֶס הֵייבְּט אָן צִיעֶן צוּם לֶערְנֶען, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צז, ג): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מח, טז):

# בְּרִיוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

"וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ", יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יוֹסֵף עֶר זָאל זַיין וִוי דִי פִּישׁ וָואס לֶעבְּן אִין וַואסֶער, זֵייעֶר גַאנְצֶע עֶקְזִיסְטֶענְץ אִיז וַואסֶער, מִיט דֶעם אַלֶעם, וֶוען עֶס הֵייבְּט אָן רֶעגֶענֶען שְׁווִימֶען זֵיי אַלֶע אַרוֹיף אוּן ווִילְן כַאפְּן אַ פְּרִישֶׁע טְרָאפּ פוּן דִי רֶעגְן וַואסֶער. אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען דִי אִידְן, זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז נָאר תּוֹרָה, מִיט דֶעם אַלֶעם צִיט זֵיי יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ תּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, וַוייל וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" וָואלְסְטוּ גֶעהַאט סֵיי דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט; מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אֵיינֶעם וָואס וִויל דָאס נִישְׁט טוֹעֵם זַיין. "טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב (תְּהִלִּים לד, ט)" – נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן פֶּרֶק נָאךְ פֶּרֶק, מַסֶכְתָּא נָאךְ מַסֶכְתָּא, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן עֶפֶּעס וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, עֶס הֵייבְּט אָן צִיעֶן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ נָאךְ אוּן נָאךְ תּוֹרָה, בִּפְרַט אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, דָאס הָאט אִין זִיךְ אַ כֹּחַ אַז עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ גְלִיסְטֶענִישׁ צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן לֵיינֶען צֵייטוּנְגֶען? דֶער צֵייטוּנְג אִיז אֵיין שְׁטִיק לֵיצָנוּת אוּן אֵיין גְרוֹיסֶער בְּלָאף; דִי צִיל פוּן אַ צֵייטוּנְג אִיז נָאר צוּ וַוייזְן (צְפַנְיָה ב, טו): "אֲנִי וְאַפְסִי עוֹד", אִיךְ, אִיךְ אוּן נָאכְאַמָאל אִיךְ, אוּן עוֹלָם גוֹלָם שְׁטֵייט אוּן לֵיינְט דָאס בִּשְׁעַת מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג, אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אוּן מֶען הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, דָאס אִיז חוּץ פוּן דֶעם וָואס עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי יִרְאַת שָׁמַיִם פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֵיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג; שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א נָאר לֶערְנֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט בִּכְלַל אַז עֶס אִיז דָא צֵייטוּנְגֶען בִּיז אִיךְ בִּין גֶעפָארְן לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה.

בִּפְרַט אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד אַ גַאנְץ יָאר דַארְפְסְטוּ דָאךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס דוּ לֵיינְסְט; וֵויי פַאר דִי קִינְדֶער וָואס זֵייעֶר מְלַמֵּד אִיז אָנְגֶעלֵיינְט מִיט לֵיצָנוּת פוּן צֵייטוּנְגֶען, דֶער גַאנְצֶער צֵייטוּנְג אִיז דָאךְ אֵיין שְׁטִיק שֶׁקֶר, לָשׁוֹן הָרָע, רְכִילוּת, לֵיצָנוּת, דְבָרִים בְּטֵלִים אוּן דְבָרִים שֶׁל מַה בְּכָךְ וְכוּ' וְכוּ'; אַוַדַאי לֵייגְן זֵיי אַרַיין דִבְרֵי תּוֹרָה, וַוייל אַזוֹי קֶען מֶען פַארְנַארְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מֶען לֵייגְט טַאקֶע אַרַיין שֵׁיינֶע מוּסָר הַשֵּׂכֶל מִיט כְּלוֹמְר'יִשֶׁע מוּסָר וַחֲסִידוּת, אָבֶער וֶוער זֶענֶען דִי שְׁרַייבֶּערְס? פּוּסְטֶע יוּנְגֶען וְכוּ' וְכוּ'. וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעוואוּסְט וֶוער דִי שְׁרַייבֶּערְס זֶענֶען, וָואלְסְטוּ גֶעשְׁרִיגְן: "גֶעוַואלְד! דִי לֵצִים פִירְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל!" עֶס זִיצְן פּוּסְטֶע יוּנְגֶען, זֵיי דַארְפְן אָנְפִילְן אַ צֵייטוּנְג מִיט הוּנְדֶערְטֶער בְּלֶעטֶער, שְׁטֵייעֶן זֵיי אוּן מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, לִיצֵי לֵיצָנוּת – אוּן עוֹלָם גוֹלָם קוֹיפְט עֶס; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס, קֵיינֶער טְרַאכְט שׁוֹין נִישְׁט אַלֵיינְס, נָאר וָואס דֶער שְׁרַייבֶּער שְׁרַייבְּט – דָאס אִיז דֶער שֵׂכֶל הַיָּשָׁר.

וָואס הָאבְּן דִי שְׁרַייבֶּערְס גֶעטוּן פַאר'ן שְׁרַייבְּן זֵייעֶר אַרְטִיקְל – גֶעלֶערְנְט אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ? גֶעזָאגְט תְּהִלִּים?! זֵיי זֶענֶען גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֵיינְט רַחְמָנָא לִצְלָן זַאכְן וָואס אַ אִיד טָאר נִישְׁט לֵיינֶען, דָאס לַיינְסְטוּ? אוּן דָאס גֵייסְטוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר רֵיינֶע קִינְדֶער – תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא?!

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ קְלוּגֶע וַוייבּ וָואס וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן מִיט דִיר אַן עֶרְלִיכֶער שְׁטוּבּ, זִי וִויל דוּ זָאלְסְט אַבִּיסְל לֶערְנֶען, זִי וִויל אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ דֶער טַאטֶע לֶערְנְט. אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" קֶען מֶען לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ; מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חַבְרוּתָא, נָאר מֶען זִיצְט אִין שְׁטוּבּ אוּן מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן קוֹל. דִי וֶוענְט וֶוערְן אָנְגֶעזַאפְּט מִיט דִי זִיסֶע גְמָרָא נִיגוּן, דִי וֶוענְט שְׁרֵייעֶן אַרוֹיס: 'דָא וואוֹינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד', אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית יא.): "בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם וְקוֹרוֹת בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם מְעִידִים בּוֹ", דִי וֶוענְט פוּנֶעם שְׁטוּבּ זָאגְן עֵדוּת וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ; דִי דַאךְ שְׁרֵייט אַרוֹיס וָואס דָא טוּט זִיךְ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (חֲבַקוּק ב, יא): "כִּי אֶבֶן מִקִּיר תִּזְעָק, וְכָפִיס מֵעֵץ יַעֲנֶנָּה", דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַ טַאטֶע וָואס לֶערְנְט, דִי מַאן וֶוערְט חָשׁוּב אִין זַיין וַוייבְּ'ס אוֹיגְן אוּן אַלֶעס טוֹישְׁט זִיךְ צוּם גוּטְן.

וֶוער עֶס לֶערְנְט אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" – דֶער לֶערְנְט יֶעדְן טָאג; בַּיי אִים אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי עֶס אִיז חוֹל הַמוֹעֵד, צִי עֶרֶב יוֹם טוֹב, צִי עֶס אִיז פּוּרִים אָדֶער וֶוען אִימֶער, עֶר לֶערְנְט זִיךְ זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן יֶעדְן טָאג, אָבֶער אַז מֶען וִויל נִישְׁט אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ פַאר'ן רֶבִּי'ן, מֶען וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד", דֶעמָאלְט הָאט מֶען יֶעדְן טָאג אַן אַנְדֶערֶער תֵּירוּץ; הַיינְט אִיז חוֹל הַמוֹעֵד, מָארְגְן אִיז יוֹם טוֹב, נָאכְדֶעם דַארְף מֶען אַוֶועק פַּאקְן דֶעם יוֹם טוֹב וְכוּ', נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ אַ שִׂמְחָה, נָאכְדֶעם הָאט מַיין חַבֶר אַ שִׂמְחָה וְכוּ' וְכוּ' אוּן דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער כַּמָה וְכַמָּה שָׁנִים אָן קַיין תּוֹרָה.

פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבּ אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, גֵיי כְּסִדְרָן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, זָאג דִי וֶוערְטֶער אוֹיפְ'ן קוֹל אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא, נָאכְדֶעם גֵיי נִישְׁט אִיבֶּער דִי מַסֶכְתָּא, נָאר גֵיי צוּם קוּמֶענְדִיגְן מַסֶכְתָּא בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ סֵדֶר, וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ סֵדֶר זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִשְׁנַיוֹת וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן מִיט גְמָרָא; הֵייבּ אָן שַׁ"ס, נֶעם אַ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא. הַיינְט זֶענֶען דָא גְמָרוֹת מְנוּקָדִים, אַזוֹי אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס קֶען נִישְׁט קַיין עִבְרִי קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא; זָאג אַ דַף נָאךְ אַ דַף בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מַסֶכֶת שַׁבָּת, אַזוֹי זָאלְסְטוּ גֵיין כְּסִדְרָן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שַׁ"ס.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אֵיינְמָאל דוּ וֶועסְט טוֹעֵם זַיין דֶעם "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אֵיינֶעם גֶע'מוּסָר'ט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "מַדּוּעַ לֹא תִלְמַד, מַה תַּפְסִיד בָּזֶה הֲלֹא תְּקַבֵּל עוֹלָם הַבָּא עַל הַלִּמּוּד", פַארְוָואס לֶערְנְסְטוּ נִישְׁט? דוּ וֶועסְט דָאךְ בַּאקוּמֶען עוֹלָם הַבָּא פַאר דַיין לֶערְנֶען! נָאכְדֶעם הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וְאֵין צָרִיךְ לוֹמַר, כְּשֶׁהַתּוֹרָה מַרְאָה אַהֲבָה לְאֶחָד, אָז אֵין רוֹצֶה כְּלָל עוֹלָם הַבָּא, רַק שֶׁרוֹצֶה אֶת הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ", אוּן אֵיינְמָאל דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט, דוּ וֶועסְט נָאר וֶועלְן לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ד' מִכְתָּב רצא)

[צִיטִירְט פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק א', מִכְתָּב פ:

...

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין וֶועגְן לֵיינֶען גוֹי'אִישֶׁע בִּיכֶער, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט בִּכְלַל אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג – נִישְׁט קַיין חִילוּק אִידִישֶׁע צִי לְהַבְדִיל גוֹי'אִישֶׁע, וַוייל צֵייטוּנְגֶען רַייסְן אוֹיס דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג – אֲפִילוּ אִידִישֶׁע; שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א נָאר לֶערְנֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּסְט בִּכְלַל אַז עֶס אִיז דָא צֵייטוּנְגֶען בִּיז אִיךְ בִּין גֶעפָארְן לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה.

דִי יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, אוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן סוֹף וָואךְ, מִיטְוָואךְ דָאנֶערְשְׁטָאג הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווִי דִי בָּחוּרִים הֵייבְּן אָן שְׁפְּרִינְגֶען פוּן זֵייעֶר הוֹיט, מֶען וַוארְט אַז דִי קַאר פוּן דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים זָאל שׁוֹין אָנְקוּמֶען (דִי עֶלְטֶערְן פְלֶעגְן אַרוֹיס שִׁיקְן פַאר דִי בָּחוּרִים עֶסְן וְכוּ' מִיט דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען יֶעדְן טָאג צוּ פָארְן), אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס גֵייט פָאר, אוֹיף וָואס וַוארְט מֶען אַזוֹי בְּכִלְיוֹן עֵינַיִם? הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער צֵייטוּנְג אִיז שׁוֹין אַרוֹיס גֶעקוּמֶען, אוּן מִיר קֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, מִיר דַארְפְן עֶס הָאבְּן... אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'מִן הַסְּתָם פֶעלְט מִיר עֶפֶּעס פוּן מַיין לֶעבְּן, אַז אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס אַ צֵייטוּנְג אִיז', אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ קוּקְן אִין דֶעם, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דָאס לֵיצָנוּת וָואס זֵיי מַאכְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אִיךְ מִישׁ אַהֶער אִיךְ מִישׁ אַהִין – עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ לֵיינֶען דָארְט; עֶס זִיצְן פּוּסְטֶע יוּנְגֶען אוּן דַארְפְן אָנְפִילְן אַ צֵייטוּנְג מִיט הוּנְדֶערְט בְּלֶעטֶער, שְׁטֵייעֶן זֵיי אוּן מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, לֵיצֵי לֵיצָנוּת, אוּן עוֹלָם גוֹלָם קוֹיפְט עֶס, קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט פַארְוָואס. קֵיינֶער טְרַאכְט שׁוֹין נִישְׁט אַלֵיין, נָאר וָואס דֶער שְׁרַייבֶּער שְׁרַייבְּט, דָאס אִיז דֶער שֵׂכֶל הַיָּשָׁר...

וואוֹיל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם מַאגַאזִין, אוּן עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער וָואס זֵיי לֵיינֶען; עֶר קוֹיפְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגֶע צַדִיקִים תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת מִיט זֵיי, אוּן עֶר נֶעמְט שָׁלוֹם בַּיִת פוּן דִי תּוֹרָה אוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים].

## מֶעג מֶען גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער צוּ לֵיינֶען מַאגַאזִינֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶטְלִיכֶע אִינְגְלֶעךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט דִי לַאנְגֶע שַׁבָּתִים, אַמָאל אִיז עֶס פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אוּן אַמָאל שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, זוּכְן זֵיי מִיט וָואס זִיךְ אוֹיסְצוּלוּפְטֶערְן. עֶס קוּמֶען אַרוֹיס יֶעדֶע וָואךְ מַאגַאזִינֶען פוּן אוֹיסְגַאבֶּעס פוּן עֶרְלִיכֶע שְׁרַייבֶּער סְפֶּעצִיעֶל פַאר קִינְדֶער, אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיבּ עֶס אִיז גֶעזוּנְט אוּן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער דִי אַלֶע סָארְט לֵיין מַאטְרִיַאל.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז בֶּעסֶער נִישְׁט אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם מַאגַאזִין; נִישְׁט קַיין נַפְקָא מִינָהּ וָואס פַאר אַ סָארְט.

עֶס אִיז דָא גֶענוּג וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער; אֲפִילוּ אִין דִי לַאנְגֶע שַׁבָּתִים אוּן לַאנְגֶע פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאגְס אִיז דָא וָואס מֶען קֶען טוּן מִיט זֵיי, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז דִי עֶלְטֶערְן לֵייגְן זִיךְ שְׁלָאפְן אִיז גוּט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ אַרָאפְּלֵייגְן, אַז דִי עֶלְטֶערְן שְׁמוּעֶסְן קֶענֶען דִי קִינְדֶער מִיט שְׁמוּעֶסְן, אַז מֶען גֵייט שְׁפַּאצִירְן נֶעמְט מֶען זֵיי מִיט אוֹיפְ'ן שְׁפַּאצִיר וְכוּ', מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת אוּן מֶען פַארְבְּרֶענְגְט שֵׁיין צוּזַאמֶען, וְכוּ'.

הַיינְט זֶענֶען דָא אַזוֹיפִיל מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ פוּן צַדִיקִים פַאר קִינְדֶער אִין אַלֶע יָארְגֶענְג; דָאס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע זַאךְ צוּ גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער צוּ לֵיינֶען, עֶנְדֶערְשׁ אוּן בֶּעסֶער ווִי זֵיי אָנְשְׁטָאפְּן מִיט דִי זַאכְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט זַיין גַאנְצֶע שֵׂכֶל נָאר פוּן דִי תּוֹרָה אוּן פוּן צַדִיקִים; עֶר לֵיינְט נִישְׁט קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג אוּן מַאגַאזִין, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָה תש"פ)

## פַּאק זִיךְ אַיין אַ חוּמָשׁ מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבַּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, עֶרֶב חַג הַסֻּכּוֹת, י"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵייסְט חוֹל הַמּוֹעֵד פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער – נֶעם זִיךְ מִיט אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ תְּהִלִּים וְכוּ' וְכוּ'; עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם טָאג אָן לֶערְנֶען. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין נָאר אוֹיף פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס אִיז דָא יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אוּן מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן.

פַּאק זִיךְ אַיין אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת, לֶערְן בְּגִירְסָא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען; אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט דִי כֹּחוֹת וְכוּ' – זָאל מֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן דִי לֵצִים וָואס לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד; אֲפִילוּ פוּן דִי וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים אוּן לַאכְן פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד; דוּ לֶערְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (צַוָאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יג): "וּכְשֶׁתַּגִּיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת, אָז תּוֹכְחוּ צִדְקַת סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּמּוּד שֶׁל רַבֵּינוּ זַ"ל", וֶוען אִיר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן דִי וָוארְהֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד', "וְעַל כֵּן מַה וְלָמָּה לָכֶם לְהִתְוַכֵּחַ", אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס זָאלְט אִיר זִיךְ טַעְנָה'ן מִיט מֶענְטְשְׁן?! "טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם, הַרְגִילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתִרְגְּשׁוּ כָּל מִינֵי טַעֲמִים בְּחַיֵּיכֶם", גֶעוואוּנְט אַייךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, דֶעמָאלְט

ווֶעט אִיר זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אוֹיף דִי ווֶעלְט, "כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיוּת גַּשְׁמִי וְחִיוּת רוּחְנִי", וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי ווֶעלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע ווֶעלְט, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת אוּן סֵיי בְּרוּחָנִיוּת, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִיקָר הַלִּימוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּים מִצְווֹתָיו יִתְבָּרַךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרַךְ", וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר לִימוּד הַתּוֹרָה אִיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שֵׁם.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית תשפ"ד)

## אַז עֶס אִיז גֶעשְׁמַאק אִינְדֶערְהֵיים, אִיז נִישְׁט אַזוֹי ווִיכְטִיג דִי פְּלֶעיס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט שִׁיקְן דַיינֶע קִינְדֶער צוּ אַ פְּלֶעי חוֹל הַמּוֹעֵד; אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי אַ פְּלֶעי, בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, עֶס הָאט אוּנְז גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט, מִיר הָאבְּן אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין. אוֹיךְ מַיינֶע קִינְדֶער שִׁיק אִיךְ נִישְׁט צוּ קַיין פְּלֶעיס, אִיךְ הַאלְט זֵיי מִיט מִיר, אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵיי צוּ מַאכְן גֶעשְׁמַאק אִין שְׁטוּבּ אַז עֶס זָאל זֵיי נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן דִי נַארִישֶׁע פְּלֶעיס.

וָואס קֶען דִיר זָאגְן, וָואס וֵוייס אִיךְ פַאר מִיר וָואס צוּ טוּן; מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט ווִיסְן וָואס צוּ טוּן.

בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַג הַפֶּסַח תשפ"ג)

## מַיין בָּחוּר קוּמְט אַהֵיים פוּן יְשִׁיבָה, ווִי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס קוּמְט בֵּין הַזְּמַנִּים, אוּן אוּנְזֶער בָּחוּר קוּמְט אַהֵיים פוּן יְשִׁיבָה פוּן אוֹיסְלַאנְד, עֶר אִיז אַ שְׁווֶערֶער בָּחוּר וָואס אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען מִיט אִים, אוּן יֶעדֶע בֵּין הַזְּמַנִּים וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים לַיידְן מִיר אַסַאךְ פוּן אִים. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּנְז גֶעבְּן הַדְרָכָה ווִי אַזוֹי אִים אוֹיפְצוּנֶעמֶען אוּן ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אִים?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן אֲזַמְּרָה; זוּךְ אוֹיף אִין אִים גוּטֶע זַאכְן, גוּטֶע נְקוּדוֹת. דוּ צוּזַאמֶען מִיט דַיין וַוייבּ זָאלְן זוּכְן אִין אִים גוּטֶע זַאכְן אוּן מַאכְן דֶערְפוּן אַן עֵסֶק, אִיר זָאלְט בֶּאֱמֶת זַיין אִיבֶּערְצֵייגְט אִין דִי גוּטְס וָואס עֶר הָאט ווֶעט אִיר נִישְׁט לַיידְן פוּן אִים אוּן עֶר ווֶעט נִישְׁט לַיידְן פוּן אַייךְ, אָבֶּער כָּל זְמַן אִיר ווֶעט קוּקְן אוֹיף זַיינֶע שְׁווֶערֶע נַאטוּרְן, עֶר ווֶעט שְׁפִּירְן אַז טַאטֶע אוּן מַאמֶע הַאלְטְן נִישְׁט פוּן אִים, ווֶעט אִיר לַיידְן פוּן אִים אוּן עֶר ווֶעט לַיידְן פוּן אַייךְ; אִיר דַארְפְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים ווֶעט עֶר זִיךְ קֶענֶען טוּישְׁן צוּם גוּטְן.

(דָאס אִיז פְּשַׁט פַארְוָואס מֶען זֶעט קִינְדֶער וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וואוֹיל אִין שְׁטוּבּ אוּן אִין חֵדֶר זֶענֶען זֵיי נִישְׁט גוּט, אָדֶער פַארְקֶערְט - אִין חֵדֶר זֶענֶען זֵיי גוּט אָבֶּער אִין שְׁטוּבּ לַיידְט מֶען פוּן זֵיי, ווִי קֶען זַיין אַז דֶער זֶעלְבֶּער קִינְד זָאל זַיין פַארְקֶערְט? דָאס אִיז וַוייל אִין שְׁטוּבּ הַאלְט מֶען פוּן אִים, ווֶעט עֶר זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן אוּן זוּכְן ווִי עֶר קֶען זַיין בֶּעסֶער, בִּשְׁעַת וָואס אִין חֵדֶר קוּקְט דֶער מְלַמֵּד אוֹיף אִים שְׁלֶעכְט ווֶעט דֶער קִינְד זִיךְ נִישְׁט צוּשְׁטֶעלְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט).

פוּן ווֶען עֶר קוּמְט אַהֵיים זָאלְט אִיר אִים אוֹיפְהֵייבְּן אוּן אִים גֶעבְּן כָּבוֹד, ווֶעט עֶר פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין נָאךְ בֶּעסֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רב): "כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר", ווֶער עֶס הָאט וֵוייניג שֵׂכֶל דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד, "כִּי כָּל מַה שֶּׁשִּׂכְלוֹ יוֹתֵר קָטָן, הוּא יוֹתֵר חָפֵץ בְּכָבוֹד", וַוייל ווִי וֵוייניגֶער שֵׂכֶל מֶען הָאט אַלְץ מֶער דַארְף מֶען כָּבוֹד; זָאלְט אִיר אִים שְׁטֶענְדִיג הֵייבְּן, ווֶעט עֶר ווֶעלְן זַיין נָאךְ מֶער, עֶר ווֶעט זִיךְ פִירְן צוּ אַייךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ זָאג דִיר נָאכְאַמָאל, מִיט דֶעם ווֶעג פוּן "אֲזַמְּרָה" ווֶעסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין; עֶס אַרְבֶּעט ווּאוּנְדֶערְלִיךְ, עֶס אִיז אַן עֵצָה סֵיי פַאר עֶלְטֶערְן מִיט קִינְדֶער אוּן סֵיי פַאר מְחַנְּכִים צוּ מַצְלִיחַ זַיין מִיט תַּלְמִידִים, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפב) אַז דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת יא.): "בֶּאֱמֶת אָמְרוּ הַחַזָּן רוֹאֶה הֵיכָן תִּינוֹקוֹת קוֹרְאִין", ווֶער עֶס אִיז אַ חַזָּן עֶר קֶען מַאכְן נִיגוּנִים; דֶער וָואס קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דָאס גוּטְס פוּן יֶעדְן תַּלְמִיד דֶער קֶען מַאכְן דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יוֹם טוֹב סוּכּוֹת תש"פ)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בּרסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876